צעטיילט קעגן זיך אַליין, קען יענע מלוכה נישט
25 האָבן קיין קיום. און אויב אַ הויז איז צעטיילט
קעגן זיך אַליין, וועט יענץ הויז נישט קענען בלייבן
26 שטיין. און אויב דער שטן שטייט אויף קעגן זיך
אַליין, און איז צעטיילט, קען ער נישט האָבן קיין
27 קיום, נאָר האָט דעם סוף. קיינער קען נישט אַרײַנ־
גיין אין דעם הויז פֿון דעם גיבור און בײַ אים
צורױבן די זאַכן, אויב ער וועט נישט קודם כּל
בינדן דעם גיבור; און דעמאָלט וועט ער אויסרױבן
28 זײַן הויז. באמת זאָג איך אײַך: אַלע זינד וועלן
פֿאַרגעבן ווערן צו די מענטשנקינדער, און די
29 לעסטערונגען, וויפֿל זיי וועלן לעסטערן; ווער
אָבער עס וועט לעסטערן דעם רוח הקודש, דער
האָט נישט קיין פֿאַרגעבונג אויף אייביק, נאָר איז
30 חייב אַן אייביקע זינד. ווײַל זיי האָבן געזאָגט,
אַז ער האָט אַן אומריינעם גייסט.
31 און זײַן מוטער און זײַנע ברידער זענען געקומען,
און שטייענדיק אינדרויסן האָבן זיי געשיקט צו אים,
32 אים צו רופֿן. און עס איז געזעסן אַרום אים אַ המון
מענטשן; און מען האָט צו אים געזאָגט: זע, דײַן
מוטער און דײַנע ברידער און דײַנע שוועסטער
33 זענען אינדרויסן און זוכן דיך. און ער האָט
ענטפֿערנדיק צו זיי געזאָגט: ווער איז מײַן מוטער
34 און מײַנע ברידער? און האָט זיך אַרומגעקוקט
אויף די, וואָס זענען געזעסן אַרום אים אין אַ קרייז,
און האָט געזאָגט: זע, מײַן מוטער און מײַנע
35 ברידער! וואָרום ווער עס וועט טאָן ג־טס רצון,
דער דאָזיקער איז מײַן ברודער, און שוועסטער,
און מוטער.